# דער בריוו פֿון יְהוּדָהן

א יהוּדה, אַ קנעכט פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און אַ ברודער פֿון יַעקֹבן,
צו די וואָס זענען באַרופֿן, באַליבטע אין גאָט דעם פֿאָטער, און
2 אָפּגעהיט פֿאַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. רַחמים צו אײַך און שָלום און
3 ליבשאַפֿט זאָלן זײַן געמערט. באַליבטע, בשַעת איך האָב
מיר פֿירגענומען מיט גאַנצער פֿלײַסיקייט אײַך צו שרייבן פֿון
אונדזער געמיינזאַמער ישועה, האָב איך עס געהאַלטן פֿאַר
נייטיק אײַך צו שרייבן און אײַך דערמאָנען, אַז איר זאָלט
קעמפֿן פֿאַר דער אֶמונה, וואָס איז איין מאָל פֿאַר אַלעמאָל
4 איבערגעגעבן געוואָרן צו די הייליקע. וואָרים סע האָבן זיך
צו אײַך אַרײַנגעשאַרט עטלעכע מענשטן, וואָס זענען פֿון לאַנג
פֿאָרויס פֿאַרשריבן געוואָרן צו דעם דאָזיקן פּסַק: רשָעים, וואָס
פֿאַרבײַטן דעם חֶסֶד פֿון אונדזער גאָט אין פֿאַרשײַטקייט, און
פֿאַרלייקענען אונדזער איינציקן מושל און האַר, יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
5 איצט וויל איך אײַך אָבער דערמאָנען, הַגַם איר ווייסט אַלצדינג
שוין פֿון פֿריער, אַז גאָט, בעת ער האָט מַציל געווען דאָס
פֿאָלק פֿון דעם לאַנד מִצרַיִם, האָט ער דערנאָך פֿאַרטיליקט
6 די, וואָס האָבן ניט געגלויבט. און מַלאָכים, וואָס האָבן ניט
געהיט זייער אייגענע מֶמשָלה, נייערט האָבן פֿאַרלאָזט זייער
אייגן וואוינאָרט, האָט ער געהאַלטן אונטער פֿינצטערניש אין
7 אייביקע קייטן פֿאַר דעם מִשפּט פֿון דעם גרויסן טאָג. פּונקט
ווי סדום און עֲמורה און די שטעט אַרום זיי, וואָס האָבן אויף אַן
ענלעכן אופֿן ווי די דאָזיקע זיך איבערגעגעבן צו זנות און זענען
געגאַנגען נאָך פֿרעמדן פֿלייש, זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן
8 ווי אַ מָשָל, בעת זיי לײַדן שטראָף פֿון אייביקן פֿייער. אויף
אַן ענלעכן אופֿן זענען אויך די דאָזיקע בַעלי־חַלומות מטַמא
דאָס פֿלייש, און זענען מבַטל הערשאַפֿטן און לעסטערן שׂרָרות.
9 דער שַר־הַמַלאָך מִיכָאֵל אָבער, בעת ער האָט זיך געקריגט
מיט

מיט דעם שׂטן, און זיך מִתוּוַכֵּחַ געווען פֿונוועגן דעם לײַב פֿון
משֹה, האָט ער זיך ניט דערוועגט אַרויסצוברענגען קעגן אים
אַ לעסטערנדיקן מִשפּט, נייערט האָט געזאָגט: גאָט זאָל דיך
10 שטראָפֿן. די דאָזיקע אָבער לעסטערן דאָס, וואָס זיי קענען ניט,
און וואָס זיי פֿאַרשטייען בטֶבֿע ווי נאַרישע בהֵמות, מיט דעם
11 פֿאַרדאַרבֿן זיי זיך. ווײ איז צו זיי! וואָרים זיי זענען געגאַנגען
אין דעם וועג פֿון קַיִנען, און זענען געלאָפֿן פֿאַרשײַט צוליבֿ
געצאָלטס אין דעם טָעות פֿון בִּלעָמען, און זענען אומגעקומען
12 אין דער ווידערשפּעניקייט פֿון קוֹרַחן. דאָס זענען די, וואָס זענען
פֿאַרבֿאָרגענע פֿעלזן אויף אײַערע ליבֿשאַפֿט־סעודות, בעת זיי
עסן מיט אײַך, וואָס פּיטערן זיך אַליין אָן מוֹרא; וואָלקנס אָן
וואַסער, אַרומגעטריבֿן פֿון ווינטן; האַרבסט־ביימער אָן פֵּירות,
צוויי מאָל געשטאָרבֿענע, אויסגעריסענע מיט די וואָרצלען;
13 ווילדע יַם־כוואַליעס, וואָס שוימען אויס זייער אייגענע חַרפּה;
וואַנדערנדיקע שטערן, פֿאַר וועמען די שטאָק־פֿינצטערניש איז
14 אויפֿבאַוואַרט געוואָרן אויף אייביק. און אויף די דאָזיקע האָט
אויך חַנוך, דער זיבעטער פֿון אָדָמען, נבִיאות געזאָגט, אַזוי
צו זאָגן: זע, גאָט איז געקומען מיט צענטויזנטער פֿון זײַנע
15 הייליקע, אויסצופֿירן אַ מִשפּט איבער אַלע, און צו באַשטראָפֿן
אַלע רשָעים פֿונוועגן אַלע זייערע מַעשׂים פֿון רִשעות, וואָס
זיי האָבן רִשעותדיק געטאָן, און פֿונוועגן אַלע האַרטע רייד,
16 וואָס גאָטלאָזע רשָעים האָבן גערעדט קעגן אים. דאָס זענען
מורמלערס, וואָס באַקלאָגן זיך, וואָס גייען נאָך זייערע תַאוות, און
זייער מויל רעדט אויפֿגעבלאָזענע רייד, און זענען נוֹשׂא־פָּנים פֿון
17 געווינס וועגן. איר אָבער, באַליבטע, געדענקט די רייד, וואָס
זענען פֿריער גערעדט געוואָרן דורך די שלִיחים פֿון אונדזער
18 האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. וואָרים זיי האָבן אײַך געזאָגט: אין דער
לעצטער צײַט וועלן אויפֿשטיין אָפּשפּעטער, וואָס וועלן גיין
19 נאָך זייערע אייגענע רִשעותדיקע תַאוות. דאָס זענען די, וואָס
מאַכן אָפּשײדונגען, גַשמִיותדיקע, וואָס האָבן ניט דעם גייסט.
איר

20 איר אָבער, באַליבטע, בויט אייך אויף אין אייער הייליקסטער
21 אֶמונה, זייט מִתפַּלֵל אין דעם רוחַ־הַקודֶש; האַלט אייך אין דער
ליבשאַפט פון גאָט, און וואַרט אויף דער באַרעמהאַרציקייט
22 פון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ פאַר אייביק לעבן. און אויף
23 עטלעכע, וואָס זענען אין סָפֵק, האָט רַחמָנות; און עטלעכע זייט
מַציל, רייסט זיי אַרויס פון דעם פייער; און אויף עטלעכע האָט
רַחמָנות מיר מורא, און מִיאוסט אייך אויך פאַר דעם געוואַנט,
24 וואָס איז באַפלעקט פון דעם פלייש. און צו דעם, וואָס איז
בִיכולת אייך אָפּצוהיטן פון שטרויכלונג, און אייך צו שטעלן אָן
אַ מום פאַר דעם פָּנים פון זיין הערלעכקייט מיט גרויס שִׂמחה,
25 צו דעם איינציקן גאָט, אונדזער גואֵל, דורך יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
אונדזער האַר, זאָל זיין כָּבוד, גדולה, מֶמשָלה און גבורה פאַר
אַלע צייטן, אַצינד און לעולם וָעֶד. אָמֵן.